וואקסין אינפארמאציע סטייטמענט

# רעביס וואקסין:
## וואס איר דארפט וויסן

Many Vaccine Information Statements are available in Yiddish and other languages. See www.immunize.org/vis

פיל וואקסין אינפארמאציע סטעיטמענטס זענען אוועילעבל אין אידיש און אנדערע שפראכן. זעט www.immunize.org/vis

## 1. פארוואס צו וואקסינירט ווערן?

**דער רעביס וואקסין** קען פארמיידן **רעביס**.

רעביס איז אן ערנסטע קראנקייט וואס רעזולטירט כמעט אייביג אין טויט רח"ל.

דער רעביס ווירוס אינפעקטירט די נערוון סיסטעם. סימפטאמען קענען אנקומען פון עטליכע טעג ביז יארן נאכן זיין אויסגעשטעלט צו דעם ווירוס, און זיי רעכענען אריין זיין צומישט, אבנארמאלע אויפפירונג, זעהן און הערן זאכן וואס זענען נישט עכט, מורא האבן פון וואסער (הײדראָפאָביע) און שוועריקייטן צו שלאפן — נאכגעפאלגט דורך א קאומא און טויט רח"ל.

מענטשן קענען באקומען רעביס אויב זיי קומען אין בארירונג מיט די שפייעכץ אדער נערוון פלייש פון אן אנגעשטעקטע חיה, צום ביישפיל דורך א ביס אדער א קראץ — אויב זיי באקומען נישט די נויטיגע מעדיציניש קעיר וואס רעכנט אריין דער רעביס וואקסין.

## 2. רעביס וואקסין

עס איז רעקאמענדירט פאר געוויסע **מענטשן וואס האבן גרעסערע אויסזיכטן צו אויסגעשטעלט ווערן צו רעביס, צום ביישפיל אזעלכע וועלכע ארבעטן מיט חיות וועלכע קענען פאטענציאל זיין אנגעשטעקט, צו באקומען דעם וואקסין** צו העלפן פארמיידן רעביס אויב זיי ווערן אויסגעשטעלט דערצו. אויב איר האט גרעסערע אויסזיכטן צו אויסגעשטעלט ווערן צו דעם רעביס ווירוס:

- זאלט איר באקומען 2 דאזעס פון דעם רעביס וואקסין, געגעבן אויף טאג 0 און אויף די 7'טע טאג.
- געוואנדן אין ווי גרויס אייער סכנה איז, וועט איר מעגליך גע'עצה'ט ווערן צו מאכן איין אדער מער בלוט טעסטס אדער צו באקומען א בוסטער דאזע אין די 3 יאר נאך די ערשטע 2 דאזעס. אייער דאקטאר קען אייך געבן מער איינצלהייטן.

**דער רעביס וואקסין קען פארמיידן רעביס אויב עס ווערט געגעבן פאר א מענטש נאכן אויסגעשטעלט ווערן.** נאכן ווערן זיכער אדער מעגליך אויסגעשטעלט צו רעביס, זאל דעם פלאץ פון די וואונד גרונטליך גערייניגט ווערן מיט זייף און וואסער. אויב אייער דאקטאר אדער לאקאלע העלט דעפּארטמענט רעקאמענדירט אז איר זאלט באקומען דעם וואקסין, זאל עס געגעבן ווערן ווי שנעלער נאכן ווערן אויסגעשטעלט, אבער עס וועט קענען ארבעטן אין יעדע צייט פאר די סימפטאמען הויבן זיך אן. איינס די סימפטאמען באוייזן זיך איז דער רעביס וואקסין מער נישט ווערט צו פארמיידן רעביס.

- אויב זענט איר נישט וואקסינירט געווארן אין די פארגאנגענהייט קעגן רעביס, דארפט איר 4 דאזעס פון דעם רעביס וואקסין איבער א צייט אפשניט פון 2 וואכן (געגעבן אויף די טעג 0, 3, 7 און 14). איר זאלט באקומען נאך א מעדיצין וואס הייסט רעביס אימיונאָגלאַביולין (rabies immunoglobulin) אויף די טאג וואס איר באקומט די ערשטע דאזע פון דעם רעביס וואקסין אדער נישט לאנג דערנאך.
- אויב זענען איר וואקסינירט געווארן קעגן רעביס אין די פארגאנגענהייט דארפט איר געווענטליך נאך 2 דאזעס פון דעם רעביס וואקסין נאכן אויסגעשטעלט ווערן.

דער רעביס וואקסין קען געגעבן ווערן אין דעם זעלבן צייט ווי אנדערע וואקסינען.

## 3. רעדט מיט אייער דאקטאר

זאגט דעם צושטעלער פון וואקסין אויב דער מענטש וואס באקומט דעם וואקסין:

- האט געהאט אן **אלערגישע רעאקציע נאך א פריערדיגע דאזע פונעם רעביס וואקסין**, אדער האט סיי וועלכע **ערנסטע, לעבנס-סכנות'דיגע אלערגיעס**
- האט אן **אפגעשוואכטע אימיון סיסטעם**
- נעמט **אדער פלאנירט צו נעמען קלאָראָקווין (chloroquine) אדער א מעדיצין אין די משפחה פון קלאָראָקווין**
- האט **באקומען דעם רעביס וואקסין אין די פארגאנגענהייט** (אייער דאקטאר וועט דארפן וויסן ווען איר האט באקומען סיי וועלכע רעביס וואקסין דאזעס אין די פארגאנגענהייט)

U.S. Department of Health and Human Services
Centers for Disease Control and Prevention

אין טייל פעלער, קען אייער דאקטאר מעגליך באשליסן צו אפשטופן א רוטינע (איידער זיין אויסגעשטעלט) רעביס וואקסינאציע מיט ביז א צוקונפטדיגע באזוך. אדער קען אייער דאקטאר מאכן א בלוט טעסט פריער אדער נאך די רעביס וואקסינען ווערן געגעבן צו באשטימען ווי אימיון איר זענט קעגן רעביס.

מענטשן וואס פילן זיך מילד נישט גוט, ווי צום ביישפיל א פארקילעכץ, קענען וואקסינירט ווערן. מענטשן וואס זענען מיטלמעסיג אדער ערנסט קראנק זאלן געווענטליך ווארטן ביז זיי דערהוילן זיך איידער באקומען א רוטינע (איידער זיין אויסגעשטעלט) דאזע פון דעם רעביס וואקסין. **אויב זענט איר אויסגעשטעלט געווארן צו דעם רעביס ווירוס, זאלט איר וואקסינירט ווערן אפגעזעהן פון אויב אין דעם צייט האט איר אנדערע קראנקייטן, זענט טראגעדיג, נוירסט א בייבי, אדער האט אן אפגעשוואכטע אימיון סיסטעם.**

אייער דאקטאר קען אייך געבן מער אינפארמאציע.

## 4. סכנות פון א רעאקציע צום וואקסין

- ווייטאג, רויטליכקייט, א געשווילעכץ אדער קראצן ביי דעם פלאץ וואו מען האט געגעבן די איינשפריץ און א קאפווייי, איבל, בויך ווייטאג, ווייטאגן אין די מוסקלען אדער א שווינדל קענען געשען נאכן באקומען דעם רעביס וואקסין.
- אויסשלאגן (הייווס), ווייטאג אין די דזשוינטס (געלענקן) אדער פיבער געשען צומאל נאך בוסטער דאזעס.

מענטשן חלש'ן צומאל נאך מעדיצינישע פראצעדורן, אריינרעכנענדיג וואקסינאציע. זאגט אייער דאקטאר אויב איר באקומט א שווינדל אדער אויב אייער זעענונג טוישט זיך אדער אויב איר הערט קלינגען אין די אויערן.

פונקט ווי מיט סיי וועלכע מעדיצין, עס זענען דא גאר קליינע אויסזיכטן אז א וואקסין זאל פאראורזאכן א שווערע אלערגישע רעאקציע, אן אנדערע ערנסטע שעדיגונג, אדער טויט.

## 5. וואס אויב עס איז דא אן ערנסטן פראבלעם?

אן אלערגישע רעאקציע קען פארקומען נאכדעם וואס דער מענטש וואס האט באקומט דעם וואקסין פארלאזט די קליניק. אויב איר זעט סימנים פון אן ערנסטע אלערגישע רעאקציע (אויסשלאגן, אן אויפגעשוואלענע פנים און האלז, שווערקייטן צו אטעמען, א שנעלע הארץ קלאפ, א שווינדל אדער שוואכקייט), רופט **9-1-1** און נעמט דעם מענטש צו דעם נאענסטן שפיטאל.

פאר אנדערע סימנים וואס באזארגן אייך רופט אייער דאקטאר.

אומגעוואונטשענע רעאקציעס זאלן באריכטעט ווערן צו דעם Vaccine Adverse Event Reporting System (וואקסין אומגעוואונטשענע אינצידענטן באריכטונג סיסטעם) (VAERS). אייער דאקטאר וועט געווענטליך זיין דער וואס וועט אריינגעבן דעם באריכט, אדער איר קענט דאס אליין טאן. באזוכט די VAERS וועבזייטל אויף www.vaers.hhs.gov אדער רופט **1-800-822-7967**. *VAERS איז געווידמעט נאר צו באריכטן רעאקציעס, און VAERS שטאב מיטגלידער גיבן נישט קיינע מעדיצינישע עצות.*

## 6. ווי אזוי קען איך לערנען מער?

- פרעגט אייער דאקטאר.
- רופט אייער לאקאלע אדער סטייט העלט דעפארטמענט.
- באזוכט די וועבזייטל פון די Food and Drug Administration (עסן און דראג אדמיניסטראציע) (FDA) פאר די אינפארמאציע צעטלעך וואס קומען מיט די וואקסין פעקלעך און פאר נאך אינפארמאציע אויף www.fda.gov/vaccines-blood-biologics/vaccines.
- פארבינדט זיך מיט די Centers for Disease Control and Prevention (צענטערס פאר קראנקייט קאנטראל און פארמיידונג) (CDC):
  - רופט **1-800-232-4636 (1-800-CDC-INFO)** אדער
  - באזוכט די CDC וועבזייטל אויף www.cdc.gov/rabies

בדי צו ערלויבן מעדיקאל קעיר פארזארגער צו האָבן גענויע אימוניזאציע סטאטוס אינפארמאציע,וויאויך צו מאכן אן אימוניזאציע אפשאצונג און א רעקאמענדירטע שעדיול פאר צוקונפטיגע אימוניזאציעס, וועט אינפארמאציע געשיקט ווערן צו מישיגאן סטעיט קעיר אימפראוומענט רעדזשיסטרי .יחידים האבן די רעבט צו פארלאנגען אז זייערע מעדיקאל קעיר פארזארגער זאל נישט שיקן אימוניזאציע אינפארמאציע צו די רעדזשיסטרי.

Yiddish translation provided by Immunize.org

MDHHS-Pub-1238Y AUTH: P. H. S., Act 42, Sect. 2126.